בעזהשי"ת

## הלכות ומנהגי

# יום כיפור
# וחג הסוכות

## כתה ד'

המלמד: הר"ר ישראל יאקאב הי"ו

# ענינים מנהגים והלכות
# פון יום כיפור

## בין כסה לעשור

**המלך הקדוש.** עשרת ימי תשובה דארף מען זאגן ביי שמונה עשרה המלך הקדוש, המלך המשפט, דערפאר אויב מען איז זיך טועה און מען זאגט הקל הקדוש, אפילו ביי א ספק וואס ער געדענקט נישט, דארף מען נאכאמאל אנהייבן שמו"ע.

אויב בטעות האט מען געזאגט הקל הקדוש און זיך גלייך דערמאנט, אויב ס'איז נישט אדורך א צייט פון זאגן דריי ווערטער "שלום עליך רבי", דאס הייסט תוך כדי דיבור, קען מען גלייך מתקן זיין און זאגן המלך הקדוש. אבער לענגער ווי דער שיעור דארף מען נאכאמאל אנהייבן שמו"ע, אויב מ'האט שוין אנגעהויבן די ברכה פון אתה חונן, דעמאלטס בכל אופן אפי' גלייך דארף מען נאכאמאל אנהייבן שמו"ע.

**המלך המשפט.** אויב מען איז זיך טועה ביי המלך המשפט, אויב מ'דערמאנט זיך באלד גלייך קען מען מתקן זיין, אזוי ווי ביי המלך הקדוש, אבער נאך דער שיעור תוך כדי דיבור, דאוונט מען ווייטער און בדיעבד איז מען יוצא מיט דעם וואס מען דערמאנט דאסווארט מלך אין דעם נוסח מלך אוהב צדקה ומשפט.

**זכרנו, מי כמוך, וכתוב, בספר,** האבן די גאונים מתקן געווען, דערפאר אז מען פארגעסט זיי צו זאגן איז מען יוצא. אויב מען דערמאנט זיך איידער מען דערמאנט דעם שם פון סוף ברכה, גייט מען צוריק צו זכרנו אדער מי כמוך, און מען זאגט ווייטער אויפן הסדר, און אזוי איז דער דין אויך ביי וכל החיים, אפי' מען האט שוין דערמאנט דעם שם פון הקל ישועתינו.

**לימוד מוסר.** עס שטייט פון האריז"ל אז ס'איז א חיוב צו לערנען ספרי מוסר ויראה במשך א גאנץ יאר, אבער נאך מער דארף מען זיך מזרז זיין דערצו אין עשרת ימי תשובה צו לערנען מעניני דיומא, ווי רמב"ם הל' תשובה, וכדומה. דער רא"ש שרייבט אז די טעג פון עשי"ת זאל מען במיוחד לערנען דעם אגרת התשובה פון רבינו יונה.

**מעביר על מדותיו.** עבירות שבין אדם לחבירו האט נישט קיין כפרה ווי לאנג מען בעט זיך נישט איבער איינער מיטן אנדערן. אין רמ"א שטייט, אז מען דארף זיין א וותרן און מוחל זיין א צווייטן וואס וויל זיך איבערבעטן און נישט חלילה מחזיק זיין במחלוקת. בפרט אין די טעג וואס מ'בעט "כתבנו בספר החיים" דורכדעם וואס מ'איז מעביר על מדותיו איז מען זוכה לאריכות ימים ולקבלת התפילות, ווייל דער רבוש"ע פירט זיך מיטן מענטש מדה כנגד מדה, ווי די גמ' דרש'נט אויפן פסוק נושא עון ועובר על פשע, כל שמעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו.

## י״ג מדות

**השכמה.** א טאג פאר ערב יו״כ שטייט מען אויף אביסל פריער ווי די אנדערע ימי הסליחות, צו זאגן די סליחות פון שלש עשרה מדות. א סאך פירן זיך אז אויב יו״כ פאלט אויס מאנטיג אדער דאנערשטיג איז מען מקדים י״ג מדות ליום ב׳ אדער ליום ה׳ פריער, בכדי עס זאל אויסקומען אין א טאג פון קריאת התורה.

**תשליך.** טייל פירן זיך צו גיין צו תשליך ביים טייך אין דעם טאג. אין ליקוטי מהרי״ח שטייט דער טעם ווייל די פסוקים וואס מ׳זאגט ביי תשליך זענען כנגד די י״ג מדות.

**תענית.** דער טאג פון י״ג מדות איז מקובל ביי יראי ד׳ אלס א געהויבענער טאג, א סאך זענען זיך נוהג דערין צו פאסטן כאטש ביז נאך חצות.

## ערב יום הקדוש

**סליחות.** מיר פירן זיך צו זאגן ווייניג סליחות עיוה״כ, ווייל די נאכט פון עיוה״כ ווערט גערעכנט ווי דער אנהייב פונעם יו״ט.

**סעודה.** מען וואשט זיך בייטאג צו א סעודה, און מ׳פירט זיך צו עסן קיילעכיגע חלות, און דאס איינטינקען אין האניג. עס איז א ספעציעלער ענין צו עסן פיש. פלייש עסט מען בשר עוף און נישט בשר בהמה. אויך איז א מנהג צו עסן פלייש קרעפלעך.

**טבילה.** מען איז מחויב צו גיין אין מקוה זיך טובל׳ן לכה״פ איין מאל. אבער לכתחילה דארף מען זיך טובל׳ן דריי מאל, א טייל האלטן מען זאל זיך טובל׳ן פאר מנחה, כדי מנחה מיט דיווידוי זאל זיין מיט הייליגקייט. אנדערע האלטן זיך צו טובל׳ן נאך סעודה המפסקת, כדי עס זאך זיין נאנט צום הייליגן טאג. חסידים פירן זיך צו מאכן ביידע.

**מנחה.** די גמרא זאגט אז מ׳דארף זיך מתוודה זיין עיוה״כ ביי מנחה ווייל מ׳איז חושש אז מחמת די סעודה המפסקת וועט פאסירן אז ער וועט נישט קענען יוה״כ מתוודה זיין, דאס הייסט אשמנו מיט על חטא.

**סעודה המפסקת.** נאך מנחה עסט מען די סעודה המפסקת, מען איז מקפיד נישט צו עסן קיין פיש. בכלל זאל מען זיך נישט צופיל אנעסן, אויך טאר מען נישט עסן קיין מילכיג׳ס, טייא אדער קאווע (מיט מילעך) מעג מען טרינקען.

אויב מען וויל נאך עסן אדער טרינקען נאכן בענטשן, איז כדאי צו מאכן א תנאי און דאס בפירוש ארויסזאגן.

**נר חיים.** ס׳איז איינגעפירט אז מ׳צינדט אין יעדן שטוב א באזונדער ליכט וואס מען רופט ״דאס געזונטע ליכט״ און עס איז גענוג איין ליכט פארן גאנצן הויזגעזונד. אין מהרי״ל שטייט א רמז אז ״נר״ איז בגימטריא כנגד רמ״ח אברים צוזאמען מיט דער רוח ונשמה.

**ברכת הבנים.** מען פירט זיך אז דער טאטע בענטשט אלע קינדער בברכת כהנים, און דערנאך ישימך א' כאפרים וכמנשה, און ביי די מיידלעך איז מען מוסיף, כשרה רבקה רחל ולאה.

**לפייס חבירו.** עס איז אנגענומען מימי קדם, נאך מימות חז"ל צו גיין ערב יו"כ מחילה בעטן וועמען מען האט בא'עוולה'ט אדער שלעכטס געטוהן. דער ב"ח ברענגט בשם הירושלמי אז לכתחילה דארף מען אליין צו גיין אדער רופן איבערבעטן און נישט אונטערשיקן א צווייטן ווייל מ'וויל פארמיידן בושה.

# יום כיפור

**יום סליחה.** יוה"כ איז נקבע געווארן לדורות ליום סליחה וכפרה פאר אידן, נאך גלייך דעם ערשטן יאר זייענדיג אין מדבר נאכן חטא העגל, ווען משה רבינו ע"ה איז אראפגעקומען פון הימל מיט די לוחות שניות, און ער האט איבערגעגעבן פאר כלל ישראל די בשורה טובה אז דער רבוש"ע האט געזאגט "סלחתי".

**וידוי.** דער עיקר תשובה איז חרטה האבן וואס מ'האט געמאכט און זיך אונטער נעמען אויף ווייטער, א עקסטערע מצות עשה פון וידוי בפה, מודה צו זיין און ארויסצוזאגן אז מ'האט געזינדיגט. אויב מ'איז זיך מתודה און מ'טוט נישט קיין תשובה איז דאס גארנישט ווערט.

במשך גאץ יוה"כ זאגט מען 10 מאל וידוי, פיר מאל ביי די פיר שמונה עשרה, פיר מאל ביי חזרת הש"ץ, איינע ביי מנחה עיו"כ, און איינע ביי מעריב, אנטקעגן די 10 מאל וואס דער כהן גדול האט דערמאנט דעם אויבערשטן'ס נאמען אין יום כיפור.

**קדושת היום.** אין דעם הייליגן טאג שטייען אידן באימה וביראה און זענען געגליכן ווי מלאכי השרת. די גמ' זאגט אז השטן איז בגימטריא שס"ד (364) אנטקעגן די טעג פונעם יאר (ימות החמה) חוץ איינס וועלכע איז יוה"כ, וואס דעמאלטס האט דער שטן נישט קיין רשות צו מקטרג זיין.

וועגן דעם, ביי קרי"ש נאך שמע, זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד הויך, ווייל בעצם ברוך שם וכו' פון פרשת ק"ש האט נאר יעקב אבינו ע"ה געזאגט ווען ער האט געבענטשט די קינדער, אבער משה רבינו האט עס נישט געשריבן אין פרשת ק"ש בכדי עס צו באהאלטן, וויבאלד דעם שבח האט מען צוגע'גנב'ט פון די מלאכים, דעריבער א גאנץ יאר זאגט מען עס שטילערהייט, אבער יוה"כ וואס אידן זענען ווי מלאכים קען מען עס זאגן הויך.

**ה' עינוים.** אלע דינים און איסורים וואס זענען אסור שבת גייען אן דאס זעלבע יום כיפור, אויסער דעם, איז דער עיקר חובת היום די חמשה עינוים, נישט צו עסן, טרינקען, וואשן, שמירן, אנטהון שיך וכו'. לויט טייל פוסקים זענען אלע 5 עינוים אסור פון די תורה, אבער עסן און טרינקען איז הארבער פון אלע, מיטן עונש כרת ח"ו.

**זיך וואשן** איז אסור, חוץ אויב מ'איז פארשמירט געווארן מעג מען עס אפוואשן, אבער מ'זאל אכטונג געבן נאר צו וואשן די פארשמירטע פלאץ. די הענט אז מען דארף וואשן איז נאר ביז די ענדע פון די פינגער.

**תפילת זכה.** דער רמב"ן האלט, אז פארנאכט אנהויב יום הקדוש דארף מען זיך מתודה זיין. דעריבער איז דער מנהג ביי אסאך קהילות צו זאגן בציבור פאר כל נדרי, אשמנו. אזוי האבן זיך אויך געפירט אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע.

**כל נדרי.** דער באדייט פון זאגן "כל נדרי" איז כדי מבטל צו זיין אלע נדרים ושבועות פונעם קומענדיגן יאר, אבער מיט זאגן כל נדרי קען מען נישט מתיר זיין נדרים פון פריער.

**קיטל.** מען טוט זיך אן א ווייסן קיטל, דער רמ"א ברענגט צוויי טעמים: א) צו ווייזן אז אונז זענען אזוי ווי מלאכים. ב) דורכדעם וואס מען טוט אן קליידער פון טויטע ווערט דאס הארץ צובראכן צו תשובה טוהן.

**תענית לשעות.** קינדער, אינגלעך און מיידלעך צוגלייך, איז מען מחנך צו פאסטן אביסל, צו עסן פרישטאג שפעטער ווי געווענליך א גאנץ יאר. די קלענערע קינדער פאר 9 יאר זאל מען באלד געבן צו עסן צופרי. גרעסערע קינדער פון 12יאר און העכער זענען טייל מחמיר אז זיי זאלן פאסטן א גאנצן טאג.

**יום כיפור שחל בשבת.** זאגט מען נישט צו מנחה ואני תפילתי. אויך זאגט מען נישט קיין אבינו מלכינו, נאר ביי נעילה זאגט מען אבינו מלכינו אפילו ס'איז נאך שבת וויבאלד ס'איז שעת גמר דין.

ווען יו"כ געפאלט אין שבת קען מען תשובה טוהן אפילו אויף עבירות וואס העלפט נישט א גאנץ יאר צו תשובה טוהן.

**נעילה.** צו די דאזיגע תפילה ווערט יעדער שטארק נתעורר. דער משנה ברורה שרייבט דערויף וז"ל: ויזדרז מאד בתפילה זו כי תכלית כל העשי"ת היא יוה"כ, ותכלית יוה"כ הוא תפילת נעילה, שהכל הולך אחר החותם, ולכן אף אם חלש הוא מחמת התענית, מ"מ יאזור כגבור חלציו להתפלל במחשבה זכה וברורה וכו' ויחתם בספר חיים טובים, עכ"ל.

צום סוף נעילה זאגט מען 7 מאל ה' הוא האלקים, כדי צו באגלייטן די שכינה הקדושה וואס גייט ארויף ז' רקיעי. אויך וועגן דעם בלאזט מען צום זמן א תקיעה, ווייל די שכינה הק' גייט צוריק אויף למעלה, ווי אין פסוק שטייט עלה אלקים בתרועה.

## מוצאי יום הכיפורים

**מעריב.** אויב עפ"י טעות האט מען געזאגט ביי מעריב המלך הקדוש, המלך המשפט, איז מען יוצא און מ'דארף נישט איבער דאווענען.

**קידוש לבנה.** א סאך פוסקים האלטן מ'זאל מחדש זיין די לבנה פאר יום הקדוש, כדי צו האבן דעם זכות פון די מצוה צום חתימת הדין. למעשה פירן זיך א סאך, ובפרט חסידים, אזוי ווי עס שטייט אין רמ"א צו ווארטן אויף מוצאי יוה"כ בכדי מחדש צו זיין די לבנה מיט שמחה, נאך קידוש לבנה וואונטשט מען זיך איינעם פון דעם אנדערן גלייך ווי א יו"ט.

**הבדלה.** דער ליקוטי מהרי"ח ברענגט אז ס'איז אן ענין עפ"י סוד צו בלייבן מיטן קיטל אנגעטהון ביז נאך הבדלה. צו הבדלה צינדט מען אן א ליכט און מ'מאכט א בורא מאורי האש, און מ'דארף געדענקען אנצוצינדן דעם ליכט פון א נר ששבת, דאס הייסט פון א ליכט וואס האט געברענט פון פאר יו"כ.

**סעודת יו"ט.** מוצאי יוה"כ איז א מקצת יו"ט, דערפאר וואשט מען זיך צו א סעודה און מ'איז זיך משמח. אסאך פירן זיך צו זינגען דעם פזמון "המבדיל" וואס איז מקובל פון האריז"ל. אין מדרש שטייט אז מוצאי יו"כ גייט ארויס א בת קול "לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך כי כבר רצה אלקים את מעשיך", אכי"ר.

## בין יוה"כ לסוכות

**למחרת יום הכיפורים.** עס איז א ענין אויפצושטיין פרי צום דאווענען למחרת יוה"כ, כדי דער שטן זאל נישט מקטרג זיין אז די תשובה פון יוה"כ איז חלילה נישט ערנסט געווען.

**ימי שמחה.** די טעג צווישן יו"כ און סוכות זענען ימי שמחה, ווייל דעמאלטס האט שלמה המלך ע"ה מחנך געווען דעם ביהמ"ק. דערפאר זאגט מען נישט קיין תחנון אין די דאזיגע טעג.

**טרודין במצוות.** אין די טעג פארנעמט מען זיך אסאך צייט צו זוכן און צוצוגרייטן די מצוות וועגן יו"ט וואס קומט, ד' מינים, סוכה וכו', זיי זאלן זיין גאר שיין, און דורכדעם גדעדנקט מען ביז סוכות צו זיין אפגעהיטן פון עבירות.

**ימי כפרה.** דער של"ה הק' זאגט אז די טעג צווישן יוה"כ און סוכות זענען צווייגן פון יום כיפור, זוכה צו זיין לכפרת עוונות בזכות דעם וואס מ'איז טרוד במצוות און די קדושה פון די טעג איז גלייך ווי חול המועד.

# ענינים מנהגים והלכות
# פון יו"ט סוכות

## צדקה ערב סוכות

ערב סוכות איז א גרויסע סגולה צו געבן אסאך צדקה, אלץ א הכנה צו קענען אריין גיין אין די הייליגע סוכה. די סגולה פון מצות צדקה איז, אז מען איז זוכה צו זיין באשיצט פון השי"ת אליין, אזוי ווי מצות סוכה וואס איז די שאָטן פון השי"ת (בני יששכר מאמר י' אות כ"ד). צדיקים האבן גערופן די מצות צדקה ערב סוכות "די נוי סוכה", ווייל מיט דעם באשיינען זיי די מצות סוכה.

## לישב בסוכה

די מצוה פון זיצן אין סוכה 7 טעג, איז א זכר אז השי"ת האט געפירט די אידן אין 7 וואלקענעס "ענני כבוד", ווען זיי זענען ארויס פון מצרים, (4 וואלקענעס זענען געווען אויף די 4 זייטן ווי א שטוב, איינס פון אויבן ווי סכך און איינס אויף דער ערד. און איין וואלקן איז געגאנגען פאראויס און אויסגעגראדט די בערג און אומגעברענגט אלע חיות).

מען דארף אויך אינזינען האבן ווען מען עסט אין די סוכה גוטע מאכלים אז דאס איז א זֵכֶר צום "מָן" וואס מען האט געשפירט אלע טעמים, און מיטן טרינקן גוטע געטראנקען אז דאס איז א זֵכֶר צום "באר" (די ברינען) וואס די אידן האבן געהאט אין מדבר (בני יששכר מאמר י' אות י"ג, ועיי"ש מאות י"ד עד ח"י).

אלע מצוות פון די תורה טוט מען נאר מיט א טייל פונעם קערפער. ווי למשל: תורה און תפלה איז מיטן מויל, מעשי המצוות איז מיט די האנט, א.א.וו. אנדערש איז אבער מצות סוכה, וואס איז די איינציגסטע מצוה וואס מען טוט מיטן גאנצן גוף. צדיקים האבן זיך אויסגעריקט: "מען גייט אריין אין די סוכה מיט די שטיוול", דאס מיינט אז דער גאנצער מגושם'דיגער מענטש גייט אריין אין די קדושת הסוכה.

יעדע רגע וואס מען זיצט אין די סוכה איז מען מקיים א מצות עשה דאורייתא פון בסוכות תשבו שבעת ימים, דעריבער דאַרף מען אכטונג געבן זיך צו געפינען אין די סוכה די גאנצע זיבן טעג ווען עס איז נאר מעגליך, און נישט ארויס גיין פון די סוכה נאר ווען עס איז זייער וויכטיג— (יסוד ושורש העבודה שער האיתון פי"ב, החיד"א בשמחת הרגל על רות בלימוד א' לסוכות).

אין די סוכה דארף מען זיך אויפפירן מיט גרויס דרך ארץ, ווייל די סוכה ווערט אנגערופן "צלא

דמהימנותא" (דער שאטן פון אמונת השי"ת) און אז די שכינה רוהט דארט דארף מען זיך שיין אויפפירן, כדי די שכינה זאל נישט ווערן אוועקגיין. ספעציעל בשעת די סעודה, אויב מען פירט זיך נישט אויף געהעריג אדער מען קריגט זיך ח"ו פארלירט די סוכה איר קדושה ח"ו.

דאס זעלבע איז מיט די אושפיזא, יעדן טאג סוכות פאר די סעודה זאגט מען "אזמין לסעודתי אושפיזין עילאין", מען לאדענט איין איינעם פון די זיבן אושפיזין (אושפיזין איז טייטש געסט, דאס זענען: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד) אריין צו קומען אין די סוכה. צדיקים פלעגן אנגרייטן א באזונדערע שטול פאר די אושפיזא. איז אודאי פארשטענדליך אז מען דארף זיך אויפפירן אין די סוכה מיט גרויס דרך ארץ כדי די הייליגע אושפיזין זאלן ווערן פארבלייבן אין די סוכה.

# ד' מינים

אינעם יו"ט סוכות איז דא נאך א ספעציעלע מצוה פון "ד' מינים". אז יעדן אינדערפרי פונעם יו"ט סוכות דארף מען נעמען די "ד' מינים", דעם לולב וואס האט ביי די צוויי זייטן 3 הדסים און 2 ערבות, מיטן אתרוג, און מען זאגט דעם "לשם יחוד" מיט כוונה, נאכדעם מאכט מען ערליך די ברכה (בשעת די ברכה דארף דער אתרוג זיין איבערגעדרייט אדער נאר אפגעטיילט פונעם לולב), דערנאך שטעלט מען צוזאמען דעם לולב מיטן אתרוג און מען שאקעלט מיט דעם.

מן התורה איז מען יוצא ווען מען גיט נאר אפילו איין שאקל, אבער מען פירט זיך צו שאקלן אויף אלע פיר זייטן און ארויף און אראפ (דאס ווערט אנגערופן "נענועים").

אינעם סדר ווי אזוי צו שאקלן דעם לולב איז דא א גרויסע פלוגתא צווישן די פוסקים, אבער מיר נעמען אן לויטן מנהג פונעם אר"י הקדוש, צו שאקלען קודם 3 מאל אויף דרום זייט, דערנאך 3 מאל אויף צפון זייט, און נאכדעם אויף מזרח, נאך מזרח הייבט מען אויף די ד' מינים און מען שאקעלט 3 מאל אין די הייעך (דאס איז 'מעלה'), און מען בייגט זיך אראפ צו שאקלן 3 מאל מטה, און צום לעצט שאקעלט מען אויף מערב זייט.

די ד' מינים איז א רמז אויף די פיר סארט אידן פון כלל ישראל.—"אֶתְרוֹג", ווייזט אויף די צדיקים וואס האבן א גוטן טעם (תורה) און א גוטן ריח (מעשים טובים).—"לולב", ווייזט אויף אידן וואס האבן נאר א טעם (ווייל אויפן לולב בוים וואקסן טייטלן) אבער נישט קיין ריח (נאר תורה נישט מעשים טובים).—"הדס", ווייזט אויף די וואס האבן נאר א גוטן ריח און נישט קיין טעם (נאר מעשים טובים נישט תורה). "ערבה", ווייזט אויף די וואס האבן נישט קיין טעם און נישט קיין ריח (עמי הארצ'ים). האט השי"ת געהייסן מען זאל צוזאמען בינדן די אלע פיר אינאיינעם, באחדות, דעמאלט ווערן אלע אידן זיין חשוב אין הימל —(מדרש תנחומא ויקרא פר' אמור). דא רעדט מען נישט פון אזעלכע כופרים ח"ו, מיט וועם מען טאָר נישט האבן קיין שייכות.

די ד' מינים האבן געוואלדיגע חשיבות און סגולות אז השי"ת האט געהייסן דוקא צו נעמען די פיר מינים מקיים צו זיין דערמיט מצות השי"ת.

איינע פון די זאכן מיט וואס די ד' מינים זענען אנדערש פון אלע פירות איז, אז אלע פירות און וואקסונגען האבן א מלאך וואס מאכט זיי וואקסן, אויסער די פיר מינים וואס זיי זענען אונטער השי"ת אליינס... זיי ווערן אנגערופן "שרביטו של מלך", וואס קיינער טאר זיך דערמיט נישט באנוצן נאר די קינדער פונעם קעניג, (בני יששכר מאמר י"א אות א'). און דאס איז טאקע דער באוויז אז מיר האבן זוכה געווען בדין אין די הייליגע טעג פון ר"ה און יום כיפור, אז מיר טראגן דעם שרביט המלך אין אונזער האנט, (מדרש רבה ויקרא ל').

## שמחת בית השואבה

ווען דער ביהמ"ק איז געשטאנען איז די צווייטע נאכט פון יו"ט סוכות, געווען אַ געוואלדיגע שמחה אין ביהמ"ק. דעמאלט האט מען מקיים געווען די מצוה פון "נִיסוּךְ הַמַּיִם" (גיסן וואסער אויפן מזבח [עי' גמרא סוכה פרק החליל], מיט דעם האט מען איבער געבעטן די וואסער וואס זענען דערווייטערט געווארן פון השי"ת ביי בריאת העולם און נישט געגאנגען העכערן הימל אויבן נאר ים דא אונטן (עי' ייטב פנים לר"ה אות מ"א).

מען האט גענומען וואסער און געגאסן פאר השי"ת אויפן מזבח. די גמרא זאגט "ווער עס האט נישט געזעהן די שמחה אין בית המקדש האט נאך נישט געזעהן קיין ריכטיגע שמחה אין זיין לעבן..." אלץ זכר צו דעם קומט מען זיך צוזאמען, און מען פריידט זיך "שמחת בית השואבה".

וואס איז דער טעם פון אונזער שמחה היינטיגע צייטן ווען מיר זענען אין גלות, אז מיר האבן שוין נישט קיין בית המקדש, נישט קיין מזבח, און נישט קיין ניסוך המים?

זאגט דער הייליגער דברי חיים אז אונזער שמחה איז אז השי"ת האט אונז מוחל געווען אלע עבירות און מיר זענען באפרייט געווארן פונעם יצר הרע, דעריבער מאכן מיר א שמחה אזוי ווי א "סעודת הודאה", ווי איינער וואס איז באפרייט געווארן פון תפיסה—(דברי חיים לסוכות, דף י"ג).

חול המועד איז נישט אזוי ווי שבת ויו"ט מען מעג טוהן א מלאכה, אבער עס איז נישט אינגאנצן ווי אינדערוואכן. עס זענען דא ספעציעלע הלכות, וואס מען מעג יא טוהן און וואס נישט, מען מוז זיין געווארנט צו פרעגן א מורה הוראה.

מען דארף אבער געדענקן "לא נתנו מועדות לישראל אלא כדי שיעסקו בתורה (חול המועד איז נישט געמאכט געווארן, נאר אז אידישע קינדער זאלן לערנען תורה), דעריבער זאל מען זעהן עוסק צו זיין בתורה ווי מער מ'קען.

קלוגע קינדער חזר'ן איבער במשך די לאנגע טעג פון חול המועד אלע לימודים וואס זיי האבן געלערנט א גאנץ יאר, אזוי בלייבט עס איינגעקריצט אינעם מח עס זאל נישט פארגעסן ווערן.

# סוכות

## אין הויף פון צדיקים

### די ליכטיגע אויגן פון הרה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע אלס קינד

ווען מרן רבינו אלעזר ניסן ט"ב זצ"ל (דער זוהן פונעם ישמח משה און טאטע פון ייטב לב זי"ע) איז נאך געווען א קליין אינגל פון אכט יאהר אלט, איז ער איינמאל געזעסן אין די סוכה די ערשטע נאכט סוכות אושפיזא דאברהם, נעבן זיין גרויסן טאטן, דער הייליגער ישמח משה זי"ע. אינאיינעם מיט זיין שוואגער דער "אריה דבי עילאה" (רבי ארי' לייבוש ליפשיץ פון בריגל).

אינמיטן די סעודה איז דער קליינער אלעזר ניסן איינגעשלאפן. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער געפרעגט זיין שוואגער "ווער האט דא אויפגעשריבן אויף די "נוי סוכה" מיט שיינע גאלדענע אותיות מגן אברהם?.."

פרעגט אים דער ארי' דבי עילאה צוריק: "וואו שטייט די ווערטער מגן אברהם?"

"דא!" - האט דאס אינגל געוויזן מיטן פינגער - "זעהסט דען נישט?"

דער ארי' דבי עילאה האט נישט געזעהן, און דער ישמח משה איז געזעסן די גאנצע צייט און געשוויגן (תהלה למשה דף ו').

### די אבות הק' אין די סוכה פונעם ישמח משה זי"ע

אן ענליכע מעשה האט פאסירט ביי זיין זוהן דער הייליגער ייטב לב זי"ע אין זיינע יונגע יארן ווען ער איז געווען ביי זיין גרויסן זיידן, דער הייליגער ישמח משה זי"ע, אין שטוב.

איינמאל סוכות ביינאכט, ווען דער ייטב לב איז אהיים געקומען מיטן ישמח משה און איז אריין אין די סוכה, האט דער ייטב לב געפרעגט דעם זיידן: "ווער זענען די אלע חשוב'ע אידן וואס איך זעה דא?"

"דאס זענען די אבות הקדושים און די אושפיזין..."

דערנאך האט דער ישמח משה געזאגט:"זאלסט וויסן, אויב דו וואלסט נישט דערציילט וואס דו זעהסט, וואלסטו צוגעקומען צו אסאך גרעסערע מדריגות..."

ווען דער ייטב לב פלעגט איבער דערציילן די מעשה האט ער אויסגעפירט מיט א קרעכץ:"הלואי וואלט איך נישט דערציילט, דאן וואלט איך געווען מער ווי וואס איך בין איצט..." (צדיק כתמר יפרח).

## דער חסיד וויל נישט ארויסגיין פון סוכה

דער צדיק רבי אליעזר מאזיפאלע זצ"ל דער זוהן פון הרה"ק ר' יודא צבי מסטרעטין זי"ע, פלעגט יעדן סוכות דערציילן די פאלגענדע מעשה:

אמאל איז געווען א חסיד וואס האט געשפירט א געוואלדיגן חיות פון מצות סוכה. יעדעס יאר ווען עס איז דורך דער יו"ט סוכות האט ער נישט געוואלט ארויס גיין פון די סוכה ווייל ער האט געהאט א גרויס השתוקקות צו די מצוה. ער איז געבליבן זיצן אין די סוכה וואכן לאנג ביז עס איז געווארן ווינטער און עס איז געפאלן א גרויסער שניי, אז ער האט געמוזט ארויס גיין דערפון.

פון ווען ער איז ארויס פון די סוכה האט ער געהאָפט און געוואַרט א גאנץ יאהר עס זאל שוין נאכאמאל קומען דער יו"ט סוכות, ער זאל שוין קענען צוריק גיין אין די סוכה.

אין יאר ווען עס איז אנגעקומען דער יו"ט סוכות איז דער חסיד אריין אין די סוכה מיט א געוואלדיגע ליבשאַפט, און האט געשוואוירן אז ער וועט מער נישט ארויס גיין פון די סוכה, אפילו עס וועט זיין גאָר קאַלט, ער איז גרייט אפילו אויף מסירת נפש.

אזוי איז טאקע געווען, נאך סוכות איז דער חסיד נישט ארויס פון די סוכה אזוי ווי ער האט געשוואוירן, און איז געבליבן אין די סוכה גאנצעטע וואכן.

ווען עס איז געווארן שטארק קאלט, אז עס איז שוין נישט געווען מעגליך אויסצוהאלטן, האט השי"ת רחמנות געהאט אויף דעם חסיד, און עס איז געקומען א וואלקן וואס האט אים אויפגעהויבן אינאיינעם מיט זיין סוכה און אים געטראגן אויף אַן אנדערן לאנד, וואו עס איז ווארעם א גאנץ יאהר...

ווען דער צדיק רבי אליעזר האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט ער צוגעגעבן: "דער חסיד זיצט נאך אלץ אין זיין סוכה און דינט דארט השי"ת. מען האט אים שוין פארשריבן אריין צו גיין אין גן עדן, אבער ער וויל נישט ארויס פון די סוכה אפילו צו גיין אין גן עדן, ווייל זיין גן עדן איז... די סוכה" (דגל מחנה יהודא, אות קט"ו).

## דער צאנזער רב זי"ע גיבט צדקה פארן אריינגיין אין סוכה

דער הייליגער דברי חיים פלעגט יעדן ערב סוכות אויסטיילן געוואלדיגע סכומים געלט אויף צדקה.

אין יאר ערב סוכות האט דער דברי חיים געשיקט רופן עטליכע גבירים פון שטאט און האט זיי געזאגט:

ראש השנה איז שוין דורך, יום כיפור איז שוין אויך דורך, אבער איך האב נאך נישט תשובה געטוהן... זאלט איר וויסן אז עס פעהלט מיר א סכום געלט אויף צדקה, און די דאגה דערפון האַלט מיך צוריק פון תשובה טוהן...

די עשירים האבן תיכף זיך צוזאמען געשמועסט, אז יעדער וועט געבן א חלק, און ביז א קורצע צייט האבן זיי אַראָפ געלייגט אויפן טיש דאס גאַנצע געלט. דער צורה פון הייליגן דברי חיים האט אויפגעשיינט, ער האט זיך באדאנקט פאר די עשירים, און גענומען דאס געלט.

סוכות ביינאכט נאכן דאווענען, איז דער דברי חיים געבליבן שטיין ביי די טיר א קורצע ווילע, פארזינקן אין זיינע הייליגע מחשבות. דאן האט ער זיך אנגערופן:

"ווי אזוי קען איך אריין גיין אין די סוכה? עס איז דאך אריבער ראש השנה און יום כיפור און איך האב נישט תשובה געטוהן ווי מען דארף. אבער דוד המלך זאגט שוין אני בצדק אחזה פניך (מיט גערעכטיגקייט וועל איך זעהן דיין פנים), "בצדק" מיינט מיט די מצוה פון "צְדָקָה". מיטן כח פון צדקה קען מען אריין גיין אין די סוכה.

דאן איז דער דברי חיים אריין אין די סוכה (דרכי חיים).

## די שכר פאר'ן בויען די מסירות נפש'דיגע סוכה

דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, האט אמאל דערציילט, אז אין איינע פון די דערפלעך האט געוואוינט א גרויסער ארימאן, ערב סוכות האט ער געדארפט מאכן זיין סוכה און ער האט נישט געהאט קיין געלט, איז ער געגאנגען מיט זיין ווייב אין שטאט, און אליין אראפגעריסן בלעטער פון בוים אויף סכך.

ווען עס איז געווארן שפעט נאכמיטאג און זיי האבן מורא געהאט אז זיי וועלן מחלל יו"ט זיין, האבן זיי אריינגעלייגט די סכך צווישן די ציינער אין מויל, און זיי האבן זיך אנגעמאכט מכות און פצעים און זייער מויל.

עס איז געווארן פון דעם א גרויסע רעש אין הימל און עס איז ארויס א פסק, אז אברהם אבינו, דער ערשטער פון די אושפיזין זאל אראפגיין אין די סוכה פון דעם ארימאן, און ער זאל זיך באווייזן פאר אים.

די ערשטע נאכט סוכות זעהט דער ארימאן ווי עס שטייט א מענטש ביי אים אין די סוכה, האט ער געטראכט אז ער איז א ארימאן וואס וויל עסן די סעודות יו"ט, זאגט ער אים: איך בין אויך אן ארימאן און איך האב נישט גארנישט, איך וואלט דיר געגעבן אן עיצה צו גיין צום עושר וואס וואוינט קעגן מיר און דארט וועסטו זיכער האבן צו עסן.

האט אים דער מענטש געענטפערט: "איך בין נישט געקומען עסן ביי דיר, און נישט נעמען פון דיר גארנישט, און דער מענטש האט ווייטער געזאגט: "איך בין אברהם אבינו" איך בין נאר געקומען אין דיין סוכה זאלסט זעהן מיין פנים, און די שכר וואס דו האסט מקיים געווען מצוות סוכה מיט מסירות נפש און מיט ייסורים", און גלייך נאך די ווערטער איז דער מענטש נעלם געווארן.

## פארברענט'ס מיר נישט די סוכה

דער רבי ר' זושא זי"ע, איז אמאל איינגעשטאנען אויף סוכות ביי הרה"ק רבי ייבי פון אוסטראה זי"ע, און ביי די סעודה זענען די צוויי צדיקים געזעסן אין סוכה צוזאמען. ווען עס איז געקומען די צייט פון גיין שלאפן האט מען געוואלט צוגרייטן א בעט פאר'ן רבי'ן רבי זושא זי"ע, האט רבי זושא געזאגט: "ניין, איך וויל שלאפן דווקא אויף די ערד אין די הייליגע סוכה".

האט מען געזאגט פאר רבי זושא אז עס איז זייער קאלט און מען קען זיך פארקילן, אבער רבי זושא האט דווקא געוואלט שלאפן אויף דער ערד. האט זיך רבי ייבי אריינגעלייגט אין בעט מיט אווארעמע דאכענע און רבי זושא האט זיך געלייגט אויף דער ערד.

ליגנדיג אויף דער ערד, האט רבי זושא אנגעהויבן צו זאגן: "פאר זושא איז קאלט!" דעמאלטס ווען ער האט דאס געזאגט איז געווארן אביסל ווארימער אין די סוכה, האט רבי זושא געזאגט נאכאמאל: "פאר זושא איז קאלט!" איז געווארן נאך ווארעמער אין די סוכה, אזוי אז רבי ייבי האט שוין געדארפט אראפנעמען די דאכענע פון זיך ווייל עס איז שוין געווארן זייער הייס אין די סוכה, האט ר' זושא געזאגט נאכאמאל: "פאר זושא איז קאלט!" איז געווארן אזוי הייס אין די סוכה אז מען האט שוין מער נישט געקענט אויסהאלטן.

האט זיך רבי ייבי אנגערופן צו רבי זושא: "איר ווילט מיר אינגאנצן פארברענען די סוכה?" דעמאלטס איז ר' זושא שטיל געווארן, און האט אויפגעהערט צו זאגן אז פאר זושא איז קאלט.

## אלעס מקבל געווען באהבה

דער הייליגער רבי ר' מיכל פון זלאטשוב זי"ע, האט געהאט ביי זיך טייערע תפילין, א ירושה פון זיין הייליגן טאטן ר' יצחק דראהביטש'ער זי"ע. די תפילין איז געווען די טייערסטע זאך ביי אים, אסאך חסידים רייכע מענטשן, האבן דאס געוואלט אפקויפן אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלטדאס פארקויפן.

זיין רעבעצין האט אים זייער אסאך מאל געבעטן ער זאל דאס פארקויפן, ער זאל האבן עפעס ברויט פאר די קינדער, (ווייל ער איז געווען זייער א גרויסער ארימאן און עס איז נישט געווען ברויט צו עסן פאר זיינע קינדער) אבער ער האט דאס קיינמאל נישט געוואלט פארקויפן.

איין יאר האט זיך געמאכט, אז עס איז נישט געווען צו באקומען אתרוגים אין זיין גאנצן געגנט, עס איז שוין געווען עטליכע טעג פאר סוכות און אין זלאטשוב איז נאך קיין אתרוג נישטא. פלוצלונג איז אנגעקומען אן איד צו ר' מיכעלע, מיט א שיינעם טייערן אתרוג, ר' מיכעלע האט נישט קיין סאך געטראכט, ער האט פארקויפט די טייערע תפילין און מיט די געלט האט ער געקויפט דעם אתרוג. דער הייליגער צדיק איז גלייך אהיים געלאפן דערפרייען די רעבעצין און איר פארציילן אז ער האט שוין אן אתרוג.

אבער זיין רעבעצין, אנשטאט זיך צו פרייען מיט אים, האט זי אויסגעשריגן: "דיינע קינדער הונגערן נאך א שטיקל ברויט, האסטו קיינמאל נישט געוואלט פארקויפן די תפילין, און יעצט, פאר א אתרוג האסטו גלייך פארקויפט די תפילין?"

אינמיטן די כעס איז די אתרוג אראפגעפאלן און עס איז פסול געווארן, האט זיך ר' מיכעלע גארנישט וויסנדיג געמאכט, נאר ער האט אויסגערופן: "הייליגער טאטע אין הימל, די תפילין האב איך שוין נישט, אן אתרוג אויף סוכות האב איך שוין אויך נישט, זאל איך ח"ו זיך אויפרעגן חלילה! איך בין אלעס מקבל באהבה".

די ערשטע נאכט סוכות האט זיך זיין הייליגער טאטע ר' יצחק פון דראהביטש באוויזן פאר אים אין חלום און געזאגט: "מיין קינד, די לעצטע זאך אז דו האסט נישט מקפיד געווען האט דאס אין הימל געמאכט א גרויסן רושם פון דעם וואס דו האסט פארקויפט די תפילין פאר די אתרוג.

## א גוטער טויש פון די אתרוג אויפן פיש

דער הייליגער יו"ט סוכות דערנענטערט זיך און דער הייליגער דברי חיים פון צאנז זי"ע, האט נאך קיין אתרוג נישט. דאס יאר, איז אין די גאנצע געגנט נישט געווען צו באקומען קיין אתרוג, דער ערשטער טאג סוכות פאלט טאקע אויס אין שבת, און שבת בענטשט מען מילא נישט אויף קיין אתרוג, אבער אויף די אנדערע טעג, וואס די מצווה איז נאר מדרבנן, איז מען דאך אויך מחויב צו טוהן אלעס וואס מען קען נאר, כדי צו זוכה זיין צו א מהודר'דיגן אתרוג, אבער דערוויל זעט נאך נישט אויס אז דאס יאר וועט זיין אן אתרוגביים הייליגן צאנז'ער רב זי"ע.

צוויי חשוב'ע יונגעלייט, חסידים פון הייליגן צאנז'ער רב זי"ע, נעמען זיך אונטער אוועק צופארן אין גאר ווייטע פלעצער, כאטש זיי וועלן זיך דארפן וואלגערן אין אזעלכע הייליגע טעג ווי ראש השנה און יום הקדוש, און כאטש זיי וועלן נישט זיין נעבן רבי'ן און אויך נישט אין זייערע שטובער, אבער אלעס לוינט זיך, זיי זאלן קענען מהנה זיין דעם הייליגן רב צו אים קענען ברענגען אן "אתרוג א הדר".

די יונגעלייט זענען געפארן זייער א ווייטן וועג, און נאך אסאך פלאג און מיה האבן זיי אין איינע פון די גרויסע שטעט, געטראפן אן אתרוג א "הדר שבהדר", וואס זיי האבן באצאלט פאר דעם זייער אסאך געלט.

מיט גרויס פרייד, זענען די יונגעלייט צוריק געפארן די ווייטע וועג, כדי צו קענען אנקומען באצייטנס, ערב יו"ט סוכות קיין צאנז און קענען איבערגעבן דעם אתרוג דעם "הדר שבהדר" פאר'ן הייליגן רב אין צאנז.

דאנערשטיג, ווען די זון איז שוין אונטערגעגאנגען, זענען די צוויי יונגעלייט אנגעקומען אין דעם נאנטן דארף נעבן צאנז. ווייל זיי זענען געווען זייער אויסגעמוטשעט, האבן זיי זיך באשלאסן, צו בלייבן נעכטיגן אין דעם דערפל,ביים עושר וואס וואוינט אינעם דארף. דער גביר וועלכער איז געווען א גרויסער מכניס אורח און האט געהאט א שיינע גרויסע שטוב, האט זיי בכבוד גדול אריינגענומען, און זייער פלאן איז געווען, אז מארגן פרייטאג, ערב סוכות, וועלן זיי אריינפארן קיין צאנז צו איבער געבן דעם אתרוג פאר'ן רב.

ווען זיי האבן זיך ארום געדרייט ביים גביר אין שטוב, זענען זיי א קליינע וואסער וואס אין דעם ליגט אפאר פיש, וואס דער גביר האט געקויפט אויף יו"ט און צווישן זיי זענען זיי אויך א גרויסער שיינער פיש וואס האט זיי ממש באנומען די אויגן. גלייך ווען די יונגעלייט האבן געזעהן דעם גרויסן פיש האבן זיי באקומען גרויס חשק צו ברענגען דעם פיש פאר'ן הייליגן צאנז'ער רב אויף יו"ט, "ווי גוט און שיין וועט זיין" -זאגט איינער צום צווייטן- "אז מען וועט צום חשוב'ן שיינעם אתרוג אויך ברענגען די גרויסע ערליכע פיש פאר'ן רב".

גלייך האבן זיי אנגעהויבן צו האנדלען מיטן בעל הבית און פאר אים געבעטן, אז ער זאל זיי פארקויפן דעם פיש פאר'ן הייליגן צאנז'ער רב. "חס ושלום" רופט זיך גלייך אן דער גביר, "דעם פיש האב איך פאר מיר געקויפט לכבוד יו"ט סוכות וואס פאלט אויס די יאר אין שבת, עס איז נאך אזא פיש נישט געזעהן געווארן ביי אלע סוחרים און איך גלייב נישט, אז מען זאל אזא פיש טרעפן, זאל איך דאס אייך אוועק געבן? וויפיל איר וועט מיר באצאלן קען איך אייך דעם פיש נישט אוועק געבן".

"אפשר דאך", רופט זיך אן איינער פון די צוויי יונגעלייט מיט גרויס תחנונים צום גביר, "וועט איר מיט אונז טאן דעם חסד, מיר זאלן קענען מהנה זיין אונזער הייליגן רבי'ן דער הייליגער צאנז'ער רב?! צוזאמען מיט דעם גרויסן חשוב'ן אתרוג, וואס מיר האבן זייער שווער פארשאפט פאר'ן רב, וועלן מיר אויך קענען מיטברענגען דעם גרויסן טייערן פיש אויף יו"ט און דער הייליגער רב, וועט זיכער שטארק הנאה האבן צו האבן אזא חשוב'ן פיש אויף סוכות וואס געפאלט די יאר אין שבת ".

רופט זיך אן דער גביר: "אן אתרוג האט איר איינגעהאנדלט און דעם פיש ווילט איר אויך? עס קען נאר קומען אין באטראכט ווען מען זאל מאכן א טויש, גיבט מיר דעם טייערן אתרוג, וועל איך אייך קענען געבן דעם פיש  וואס איר זענט אזוי באגייסטערט געווארן פאר דעם, צו קענען געבן פאר אייער הייליגן רבי'ן".

די צוויי יונגעלייט האבן אנגעהויבן צו לאכן און געזאגט אונז זאלן טוישן דעם אתרוג פאר'ן פיש?! נאך אזא גרויסע הארעוואניע, ביז זיי האבן שוין זוכה געווען צו באקומען דעם חשוב'ן אתרוג, וועלן זיי דאס יעצט אוועק געבן און ברענגען פאר'ן רבי'ן א פיש?! באלד האבן זיי געענטפערט פאר'ן גביר: "מיר פארשטייען אז איר ווילט פון אונז לאכן צו טוישן אן אתרוג פאר א פיש, עס קומט דאך נישט אין באטראכט". רופט זיך אן דער גביר: "איך האב קיין געשעפט נישט געמאכט".

די צוויי יונגעלייט האבן זיך ארום געדרייט צוגייענדיג יעדע פאר מינוט צום פיש און א בליק געטאן אויף דעם, עפעס האט זיי דאס זייער געצויגן, נישט קענענדיג זיך באהערשן. זיי וואלטן אלעס געטאן, אז די פיש זאל קענען אנקומען צו זייער הייליגן רבי'ן אויף יו"ט סוכות, זיי שפירן אז די פיש וועט פשוט מחיה זיין זייער רבי'ן, זיי ווילן נישט ארויסלאזן פון האנט אזא טייערע מתנה. "אפשר דאך, אז עס ציהט אונז אזוי די פיש, אפשר מאכט מען טאקע דעם טויש?" רופט זיך אן איינער פון די יונגעלייט צו זיין חבר. "וואס?" רופט זיך אן דער צווייטער, "דו ביסט אינגאנצן פון זינען אראפ? נאך אזא לאנגע הארעוואניע וואס מיר האבן שוין באקומען אן אתרוג פאר'ן רבי'ן, זאלן מיר דאס יעצט טוישן פאר א פיש?" זאגט איינער פאר'ן צווייטן: "לאמיר נאכאמאל פראבירן זיך צו איינבעטן ביים בעל הבית". אבער דער גביר האט זיך געהאלטן ביי זיינס: "אדער דער פיש, אדער דער אתרוג".

די צוויי האבן זיך ארום געדרייט אהין און צוריק, און געכאפט נאכאמאל א בליק אויפן פיש און געטראכט אז זיי וועלן נישט קענען ברענגען אזא פיש פאר'ן הייליגן רב און זיי האבן געטראכט וואספארא הנאה דער רב וועט האבן פון דעם פיש! זיי האבן זיך מער נישט געקענט באהערשן און זיי האבן באשלאסן, "אז זיי גיבן אוועק פאר'ן גביר דעם אתרוג און ער גיבט זיי דעם פיש".

"דאס געשעפט דארף אפגעשריבן ווערן אז איר ציהט נישט צוריק פון דעם געשעפט". האט זיך דער גביר וואס איז געווען א גוטער סוחר אנגערופן צו זיי, און אויפן פלאץ האט ער געשריבן א שטר הסכם.

באלד נאכן חתמ'נען, האבן זיי געטראכט ביי זיך: וואספארא נארישקייט האבן מיר געטאן? אזא משונה'דיגע טויש, עס איז דאך נישט שכל'דיג צו טאן אזא מין זאך, עס איז ממש א מקח טעות, זיי אליין האבן נישט פארשטאנען פארוואס זיי האבן דאס געטאן און זיי זענען באלד געקומען צום גביר בעטנדיג ער זאל מבטל זיין דעם מקח טעות, אבער דער גביר האט זיך אנגערופן: "געשריבן איז געשריבן, און איך וויל קיין טענות נישט הערן, מארגן אינדערפרי, פאק איך אייך איין דעם פיש און איר וועט דאס טראגן פאר אייער רבי'ן". א גאנצע נאכט האבן די יונגעלייט נישט געקענט צומאכן אן אויג, פון עגמת נפש צער און בושה פאר זיך אליין.

אויף מארגן האבן זיי בלית ברירה גענומען דעם פיש, איבערלאזנדיג דעם טייערן אתרוגביים גביר און מיט גרויס צער און צובראכנקייט, זענען זיי ארייגעפארן קיין צאנז צום הייליגן רב. אויפן וועג האבן זיי אדורכגעטראכט ווי אזוי זיי וועלן דעם פיש איבערגעבן פאר'ן רבי'ן, זיי קענען אים דאס דאך נישט איבער געבן און אים דערציילן אז זיי האבן דאס געטוישט מיטן טייערן אתרוג, אין דער צייט וואס מען ווארט שוין אין צאנז אויף זייער צוריק קומען מיט אן אתרוג, האבן זיי באשלאסן, אז זיי וועלן דעם גרויסן פיש אריין ווארפן ביים רבי'ן אין קיך און זיך באהאלטן פון רבי'ן מיט די חסידים, כדי מען זאל זיי נישט קוקן אין די אויגן אויף די נארישע שריט וואס זיי האבן געטאן.

אין צאנז'ער הויף איז א גרויסער טומל, אין קיך פון הייליגן צדיק איז אריינגעפאלן א גרויסער אינטרעסאנטער פיש, וואס איז נאך אין צאנז נישט געזעהן געווארן און מען ווייסט נישט פון וואו דאס איז אנגעקומען. דערווייל האט מען זיך גענומען צוגרייטן דעם גרויסן פיש ביים רב אין שטוב, מען האט געדארפט זוכן א ספעציעלן טאפ דאס צו קענען קאכן גאנצערהייט, כדי אים אריינצוברענגען ביים טיש פון הייליגן רב און מהנה זיין דעם רבי'ן אין אזא הייליגע שבת און יו"ט.

די גבאים האבן אבער גענומען חוקר זיין פון וואו דאס פיש קומט, נאך א אסאך זוכענישן זענען זיי געוואויר געווארן די גאנצע מעשה, אז וועגן דעם פיש איז דער צאנז'ער רב געבליבן אן אן אתרוג אויף סוכות. חסידים האבן געלאכט פון די דורכפאל פון די יונגעלייט, נישט פארשטייענדיג וואס זיי האבן דא געטאן, און געווארט אויף די פארציע וואס די יונגעלייט וועלן זיכער באקומען פונעם רב, וואס זיצט און ווארט אזוי לאנג מיט גרויס האפענונג אויף אן אתרוג. די מעשה האט מען ביים סוף דערציילט פאר'ן צאנז'ער רב און ער האט דאס זייער רואיג אויסגעהערט.

שבת ביינאכט די ערשטע נאכט סוכות. די גרויסע סוכה פון צאנז'ער רב איז באלויכטן, די שמחה איז זייער גרויס. דער צאנז'ער רב הייבט אן צו מאכן קידוש וואס מען הערט ווייט אוועק, חסידים שטייען שוין אומגעדולדיג צו זעהן ווי מען ברענגט אריין דעם גרויסן פיש, וואס דאס איז באמת געווען אן אינטרעסאנטער פיש, איבערהויפט האט מען געוואלט זעהן ווי דער רבי נעמט דאס אויף, אין די צייט וואס דער פיש איז א טויש פאר אן אתרוג אן "הדר שבהדר", אזא חשוב'ע מצווה וואס דער רבי האט אזוי שטארק געווארט צו קענען מקיים זיין און מען האט דאס פון האנט ארויסגעלאזט. די גבאים ברענגען אריין דעם גרויסן פיש אין א ספעציעלן טאץ וואס מען האט געבארגט ספעציעל וועגן דעם פיש, און מען לייגט אים ארויף אויפן טיש.

"אוואו זענען די צוויי יונגעלייט וואס האבן אונז דעם פיש געברענגט?" פרעגט דער הייליגער צאנז'ער רב, באלד איז מען געלאפן זוכן די יונגעלייט וועלכע האבן זיך באהאלטן פון גרויס בושה. זיי זענען געקומען פארשעמטערהייט, און אלע האבן געווארט אויף זייער פסק וואס זיי גייען באקומען פונעם רב. דער צאנז'ער רב

גיבט אבער א קוק אויפן שיינעם פיש און רופט זיך אן: "פארשטענדליכע יונגעלייט, תלמידי חכמים, האבן פארשטאנען אז די יאר איז דאך אן אתרוג נאר מדרבנן און עונג שבת איז דאך מן התורה (ווייל ווען עס געפאלט סוכות די ערשטע טאג אין שבת, איז די מצווה פון אתרוג נישט מן התורה, ווייל חול המועד איז נישט מן התורה נאר מדרבנן) , האבן זיי געמאכט א ריכטיגן גוטן טויש".

א שטורעם איז געווארן אין די גרויסע סוכה. איבערזאגנדיג די הייליגע ווערטער פון צאנז'ער רב, זענען די יונגעלייט זייער טייער געווארן ביי אלעמען אין די אויגן. דער פיש האט געהאט זיין תיקון ווען דער צאנז'ער רב האט געגעסן  פון דעם, און שפעטער צוטיילט פאר די חסידים די שריים און דער צאנז'ער רב איז זייער פרייליך געווען.

מוצאי שבת קודש וואס איז געווען דער צווייטער טאג יו"ט (אין חו"ל איז דא צווי טעג יו"ט), א קורצע צייט נאכן קידוש מאכן פון צאנז'ער רב, קומט אריין דער גביר פון נאנטן דערפל, וואס ביי אים האט מען געמאכט דעם גרויסן טויש מיטן אתרוג "און ברענגט אריין צום הייליגן צאנז'ער רב דעם טייערן חשוב'ן אתרוג דער הדר שבהדר", אנרופנדיג זיך: "איך האב געוואלט זוכה זיין צו געבן פאר'ן רבי'ן דעם אתרוג וואס איז מיינער".

יעצט האבן די חסידים פארשטאנען אז עפעס פון הימל איז דא פארגעאנגען, אז די פיש האט געדארפט האבן זיין תיקון און אנדערש וואלט דאס נישט אנגעקומען צום צאנז'ער רב.

אזוי דער הייליגער צאנז'ער רב האט געהאט, סיי דעם גרויסן פיש לכבוד שבת ויו"ט און סיי די טייערע חשוב'ע אתרוג וואס די יונגעלייט האבן אזוי שווער געזוכט פאר'ן רב.

© כל הזכויות שמורות

**ת"ת יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר**
רח' יונה 20 - עיה"ק ירושלים ת"ו
טעל: 02-5810967

תלמוד תורה
יטב לב דרבי"י
מסאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א

בס"ד

# די ברכות פון עולה זיין צום תורה

**בָּרְכוּ אֶת ה' הַמְבֹרָךְ:**

די עולם זאגט נאך:

בָּרוּךְ ה' הַמְבֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד:

דער וואס איז עולה זאגט:

**בָּרוּךְ ה' הַמְבֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד:**

**בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים, וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ. בָּרוּךְ אַתָּה ה', נוֹתֵן הַתּוֹרָה:**

נאכן עולה זיין זאגט מען די ברכה:

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר נָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת, וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ, בָּרוּךְ אַתָּה ה', נוֹתֵן הַתּוֹרָה:**